**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול ברייטערט אויס צוטריט צו גייסטישע געזונט באהאנדלונג צו 200,000 SUNY סטודענטן

***$10 מיליאן צו שטיצן פארברייטערטע מענטאל העלט סערוויסעס ביי 28 SUNY קאמפוסן***

***פאנדינג פארטיילט צו SUNY'ס סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן דורך די יאר'ס היסטארישע $163 מיליאן אנפירונגס קאסטן***

***אינפארמאציע בלאט איסרעכענעדיג קאמפוס איניציאטיוון פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער האקול האט היינט געמאלדן אז סטעיט יוניווערסיטעט פון ניו יארק קאמפוסן טוען אינוועסטירן נאנט צו $10 מיליאן אין יערליכע סטעיט פאנדינג צו העכערן זייער גייסטישע געזונט סערוויסעס און הילף פאר סטודענטן, שטאב, און מאנשאפט. די אינוועסטירונג וועט ארויסברייטערן סערוויסעס ביי 28 קאמפוסן, שטיצן מער ווי 200,000 סטודענטן, און בויען אויף איר סטעיטווייטע טעלע-פסיכיאטערישע נעטווארק (Statewide Tele-Psychiatry Network, STPN) און נייע טעלע-קאנסעלינג אפציע פאר געמיינדע קאלעדזשעס.

"מיר מאכן קריטישע אינוועסטירונגען צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארקער האט צוטריט צו הויכע קוואליטעט גייסטישע געזונט סערוויסעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "קאלעדזש קען זיין א דערדרוקנד און איבערנעמנדע צייט, און די פאנדינג וועט אויסברייטערן גייסטישע געזונט סערוויסעס אויף קאלעדזש קאמפוסן אז סטודענטן זאלן קענען קאנצענטרירן נאר אויף זיין סטודענטן."

די פאנדינג איז געווארן באשטעטיגט דורך די גאווערנער'ס און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור'ס היסטארישע $163 מיליאן נאכאנאנדע העכערונג אין דירעקטע אפערירונגס הילף צו SUNY'ס סטעיט-אנגעפירטע קאמפוסן די יאר. צו אויסשטרייכן די ווירקונג פון די פאנדינג, האט SUNY קאנסלער דזשאן ב. קינג דזשוניאר, באזוכט SUNY אסוועגא און SUNY קאלעדזש פון ענווייראנמענטאל סייענס און פארעסטרי (College of Environmental Science and Forestry, ESF) היינט. און אסוועגא האט ער גערעדט מיט סטודענטן איבער גייסטישע געזונט און זיך באגעגנט מיט קאנסלערס און שטאב ביי די לעצטיגע רענאווירטע מערי וואלקער העלט צענטער. די צענטער, א נאמען געגעבן נאך אסוועגא געבוירענער מערי וואקלער, די אייניציגע פרוי וואס האט באקומען א Medal of Honor, טוט האוזן די קאמפוס קאנסעלינג סערוויסעס.

צו בויען אויף די קאמפוס'ס מאדעל קאנסעלינג אפעראציע וואס איז לאנג געווען די שפיץ פון איניציאטיוון פאר SUNY און העכערע עדיוקעישן בכלל, טוט SUNY אסוועגא אינוועסטירן איר נייע סטעיט פאנדינג אין:

- אויפנעמען מער ארבעטער צו העלפן סטודענטן, ווי שטאב וואס ספעציאליזירט זיך אין צושטעלן הילף צו סטודענטן פון מארגינאליזירטע הונטערגרונד.
- ארײנלײגן טעלע-קאונסעלינג קאנטראקטן צו צושטעלן מער צוטריט צו טעראפי און פראקטיצירער פון פארשידנארטיגע אונטערגרונדן.
- אויסברייטערן קאנסלער קאנטראקטן אז זיי זאלן קענען צושטעלן סערוויסעס איבער די זומער חדשים.
- קענען צושטעלן א העכערונג אין באצאלט פער שטאב וואס ווערן באצאלט אויפן טאג וואס שטעלן צו שטארק-וויכטיגע סערוויסעס.

ביי SUNY ESF, טוט די קאנסעלינג צענטער שטאב צושטעלן טעראפי סערוויסעס פאר סטודענטן, שטעלט צו אוטריטש איניציאטיוון, און באראט זיך מיט קאמפוס מיטגלידער וויאזוי צו שטיצן סטודענטן און זיי פארבינדן מיט הילפסמיטלען. צו אויסברייטערן די סערוויסעס צוגעשטעלט פאר סטודענטן, וועט ESF נוצן די פאנדינג אין:

- אויפנעמען נאך מאנשאפט צו העלפן די קאמפוס געמיינדע.
- צושטעלן א גייסטישע געזונט סימפאסיום צו צוזאמברענגען שטאב, מאנשאפט, און סטודענטן פאר אן אווענט וואס קאנצענטרירט זיך אויף טעמעס פארבינדן צו גייסטישע געזונט.
- אנהייבן א פריינט אמבאסאדאר פראגראם צו העלפן מיט פראגראמירונג איניציאטיוון אויף קאמפוס.

אנדערע סטעיט-אנגעפירטע קאומפוסן וועלן נוצן זייער טייל פון די $10 מיליאן צו אויסברייטערן גייסטישע געזונט סערוויסעס און שטיצע ארײנגערעכנט:

- כאטש 25 קאמפוסן וועלן אויפנעמען, אויפהאלטן, אדער אויסברייטערן די קאנטראקטן פון איבער 90 גייסטישע געזונט שטאב, ארײנגערעכנט פסיכילאגן, סאציאלע ארבעטער, פסיכיטארישע נורס פראקטישענערס, און אנדערע קלינישע שטאב. פילע קאמפוסן וועלן קענען העכערן זייער מעגליכקייט צו נאכקומען סטודענט גייסטישע געזונטהייט דורך אויסברייטערן קלינישע שעות אדער קאנצענטרירן אויף געצילטע סטודענט באפעלקערונגען.
- 14 קאמפוסן וועלן נוצן טעלעהעלט קאנטראקטן צו העכערן מעגליכקייט און נאכקומען קריזיס און סטודענט געברויכן נאך ארבעטס שעות. טעלעהעלט קאנטראקטן וועלן אויך ערלויבן פאר עטליכע קאמפוסן צו פארבינדן סטודענטן צו א מער פארשינדארטיגע קלינישע שטאב, סיי אין ספעציאליטעט און דעמעגראפיע.

SUNY's סטודענט טעלע-פסיכיאטעריש נעץ (Student Tele-Psychiatry Network, STPN) איז געוואקסן פון פיר קאמפוסן וואס נוצן די סערוויס אין 2018 צו 56 קאמפוסן אין פרילינג פון 2024. די גאנצע נעץ ווערט געפירט פון SUNY Upstate Medical University אין סירעקיוז און נוצט פסיכיאטערן, פסיכילאגן, פסיכיאטערישע נורס פראקטישענער, קעיס מענעדזשערס, און נאך. STPN טוט הויפטליך צושטעלן פסיכיאטערשיע סערוויסעס און מעדיצין מענעדזשמענט צו SUNY סטודענטן. די נעץ קען אויך צושטעלן דיאגנאז, גייסטישע געזונט אפשאצונגען, און קורץ-טערמיניגע Cognitive Behavioral Therapy אינטערוועגירונג צו סטודענטן. זינט די פרילינג פון 2017, זענען 2,085 סטודענטן געזען געווארן דורך די STPN, מיט ארום 13,430 אפוינטמענטס זינט יענע צייט.

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג, דזשוניאר האט געזאגט**, "גייסטישע געזונט איז גייסטישע געזונט, און וואס מער סטודענטן זוכן גייסטישע געזונט באהאנדלונג, דארפן מיר זיין דארט פאר זיי מיט

פארברייטערטע סערוויסעס, אריינגענומען האבן גענוג קאנסלערס אויף קאמפוס אדער אנליין 24-7. גייסטישע געזונט באהאנדלונג איז א קריטישע הילף פאר סטודענט צוטריט, און מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אנגייענדע פארפליכטונג און אינוועסטירונג איבער SUNY'ס קאמפוסן, אריינגערעכנט $10 מיליאן אין יערליכע פאנדינג פאר גייסטישע געזונט הילף."

**SUNY סטוועגא פרעזידענט פיטער א. נוואסא האט געזאגט,** "מיר אפלאדירן טשענסעלאר קינג און די SUNY סיסטעם פאר זייער אנגייענדע אויפמערקזאמקייט צו גייסטישע געזונט און הילף פאר אזעלכע וויכטיגע סערוויסעס. די ברייט און טיפקייט פון אונזער געטריישאפט צו סטודענט געזונטהייט איז א גרויסע טייל פון אונזער קאמפוס קולטור, און די פאנדס וועלן אונז ערלויבן צו בויען אויף אונזערע פרואוון אין א געזונט און באדייטנדע וועג."

**SUNY ESF פרעזידענט דזשאעני מאהאני האט געזאגט,** "בשעת מיר טוען ווייטער פריאריטיזירן די געזונטהייט פון יעדן וואס לערנט אין ESF, טוען מיר אנערקענען די פאנדינג וואס ערמעגליכט אונז צו אינוועסטירן אין אינאוואטיווע הילפסמיטלען צו שטיצן סטודענטן'ס גייסטישע געזונט. בשעת מיר זענען פארפליכטעט צו העלפן סטודענטן דורכגיין יעצטיגע שוועריגקייטן, איז אונזער אמת'ע ציל צו זיי צושטעלן מיט סטראטעגיעס און קענטעניסן וואס פלעגן שטאנדהאפטיגקייט אז זיי זאלן קענען בילען דורכאויס זייער קאלעדזש איבערגאנג און ווייטער."

**אסעמבלימעמבער פאטרישיע פעהי האט געזאגט,** "אונזערע סטודענטן און יוגנט טוען דורכגיין א גייסטישע געזונט קריזיס וואס איז נאר געוואקסן זינט די ענדע פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, דורכאויס א מאנגל פון גייסטישע געזונט פראפעסיאנאלן וואס פלאגט די פאלק איבעראל. איך בין צופרידן צו זעהן די רעקארד אפעריררונג הילף וואס מיר האבן ערלעדיגט פאר SUNY און CUNY לעצטע יאר גייענדיג פאראויס צו פארבעסערן גייסטישע געזונט אויף קאמפוסן דורכאויס די סטעיט צו אדרעסירן די קריזיס ביים קאפ. א דאנק צו SUNY טשענסעלאר דזשאן קינג און גאווערנער האקול פארן ווייטער אינוועסטירן אין סטודענט צוטריט און אויספירליכע גייסטישע געזונט באהאנדלונג."

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, וואס האט געפייערט איר 75'סטע יארטאג אין 2023, איז די גרעסטע ברייטע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינס פון SUNY'ס 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבער די סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע געזונטהייט צענטערן, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצינישע שולעס, צוויי ציין-דאקטער שולעס, אן אדוואקאט שולע, די לאנד'ס עלטסטע וואסער שולע, די סטעיט'ס איינציגסטע אויגן-דאקטער שולע, און פירט אן איין אמעריקאנער ענערגיע דעפארטמענט נאציאנאלע לאבאטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2022, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן